# דעם רבינ'ס ליכט

ויגש תשפ"ב
גליון 71



**אַײערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַײעֶרע קִינְדֶער

מִיר דַארְפְן דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט אַכְט טֶעג. מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט הַלֵּל שָׁלֵם אַכְט טֶעג, אוֹיף דֶעם אַלֵיין דַאנְק מֶען דַאנְקֶען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

מִיטְן כֹּחַ פוּן חֲנוּכָּה וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז!

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה לֵיינְט מֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ פַאר עֶר גֵייט אַרָאפּ קַיין מִצְרַיִם זָאגְט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער: "אַל תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה" הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אַרָאפְּצוּגֵיין קַיין מִצְרַיִם, וַוייל "אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה" אִיךְ אַלֵיין וֶועל אַרָאפְּגֵיין קַיין מִצְרַיִם אוּן אִיךְ אַלֵיין וֶועל דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּן אוֹיפְהֵייבְּן פוּנֶעם לַאנְד מִצְרַיִם.

ר' נָתָן זָאגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אַז עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן אִין נָאךְ סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַז אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָּז אַלֶע סוֹדוֹת פוּנֶעם גָלוּת וָואס דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז דֶער גָלוּת הַנֶּפֶשׁ - אַלֶע שְׁוֶועְרִיקַייטְן, עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת וָואס קָאכְט זִיךְ אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי יְרִידוֹת זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיפְן גָלוּת, דִי עֲלִיּוֹת זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף דִי גְאוּלָה. דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן דַוְקָא וֶוען סְ'אִיז גָאר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, וֶוען עֶס דַאכְט זִיךְ אַז סְ'אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז זֵייעֶר פִינְסְטֶער, דַוְקָא דֶעמָאלְט דַארְף מֶען וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נִישְׁט פַארְלָאזְן אוּן וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים אִם אָמַרְתִּי מָטָה רַגְלִי חַסְדְּךָ ה' יִסְעָדֵנִי.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, סַיי אִין גָלוּת וֶוען עֶס דַאכְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט, דַארְף מֶען וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז "אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, וָואס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן אַ גְאוּלָה, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז אוֹיךְ פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַּם עָלֹה.




קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת. אַלֶע אִידְן פַאסְטְן אוּן מֶען זָאגְט סְלִיחוֹת, וַוייל אִין דֶעם טָאג הָאבְּן דִי גוֹיִם צֶעבְּרָאכְן דִי חוֹמוֹת פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז גֶעשֶׁען דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע צָרָה אִיז גֶעשֶׁען, עֶס אִיז אִין דֶעם טָאג נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נָתָן זִי"עַ דֶער תַּלְמִיד מֻבְהָק פוּנֶעם רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "אִיר דַארְפְט אִים זֵייעֶר דַאנְקֶען וֶוען נִישְׁט עֶר וָואלְט פוּן מִיר קֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן".

ר' נָתָן פַאר זַיין פְּטִירָה הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אִיר

**המשך אויף זייט 8**

# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס

# קַאפְּל



דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת "צָרִיךְ לִשְׁמוֹר עַל הַתִּינוֹק שֶׁלֹּא יֵלֵךְ בְּגִלּוּי הָראֹשׁ" מֶען בְּרוּיךְ אָפְּהִיטְן אוֹיף אַ קִינְד, עֶר זָאל נִישְׁט קַיין מִיט אַ הוֹילְן קָאפּ - אָן אַ קַאפְּל (אוֹת בָּנִים, סִימָן ב')

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס מַאמֶע הָאט אִים אָנְגֶעטוּן אַ קַאפְּל גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, דָאס הָאט זִיכֶער צוּגֶעהָאלְפְן פַאר דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם.

**טַייעֶרֶע קִינְדֶער** וֶוען מֶען טוּט אָן אַ קַאפֶּעלֶע אוֹיפְן קָאפּ בְּרֶענְגְט עֶס יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קנ"ו) דֶערְצֵיילְט אַז עֶפֶּעס אַ שְׁטֶערְן-זֶעעֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מַאמֶע פוּן דֶער אֲמוֹרָא רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אַז אִיר קִינְד נַחְמָן וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גַּנָּב! וָואס הָאט זַיין מַאמֶע גֶעטוּן?

זִי הָאט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין אָן אַ קַאפְּל, זִי הָאט גֶעמַאכְט פַאר אִים אַ גְרוֹיסֶע בְּרֵייטֶע צוּדֶעק (אַזוֹי וִוי דִי אַמָאלִיגֶע סְפָרַדִ'ישֶׁע חֲכָמִים פְלֶעגְן גֵיין) עֶס זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן זַיין קָאפּ, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן חַס וְשָׁלוֹם אַ גַּנָּב.

נַחְמָנְ'ס מַאמֶע הָאט אִים שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט זַיין קָאפּ זָאל זַיין צוּגֶעדֶעקְט, אַזוֹי וֶועט עֶר מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס הָאט נַחְמָנְ'ס מַאמֶע דַוְקָא אוֹיסְגֶעוֶועלְט אִים אָנְצוּטוּן אַ קַאפְּל?

וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע גֵייט אָנְגֶעטוּן בְּלוֹיז, אָן קְלֵיידֶער, וֶועגְן דֶעם רֶעדְט עֶר אַיין שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צְנִיעוּת'דִיג! הָאט זַיין מַאמֶע גֶעוָואלְט עֶר זָאל זַיין וִוי מֶער צוּגֶעדֶעקְט.

נַחְמָנְ'ס מַאמֶע הָאט אִים אוֹיךְ גֶעהֵייסְן עֶר זָאל בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם. יָא קִינְדֶער! מֶען קֶען בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז גֶעבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיר זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים. אָבֶּער נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פַארְוָואס זַיין מַאמֶע בֶּעט אִים עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יֵצֶר הָרָע אוּן אַז עֶר זָאל אַלֶעמָאל גֵיין גוּט צוּגֶעדֶעקְט זַיין קֶעפֶּעלֶע.



אֵיין טָאג אִיז נַחְמָן גֶעזֶעצְן אוּנְטֶער אַ טֵייטְלְבּוֹים אוּן גֶעלֶערְנְט, אִינְמִיטְן אִיז זַיין קַאפְּל אַרָאפְּגֶעפַאלְן!! נַחְמָן הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זֶעט אַ שֵׁיינֶער בּוֹים מִיט גָאר גֶעשְׁמַאקֶע הֶערְלִיכֶע טֵייטְלֶען, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִים אַיינְגֶערֶעדְט צוּ טוּן עֶפֶּעס... נַחְמָן קְרִיכְט אַרוֹיף אוֹיפְן בּוֹים אוּן רֵייסְט אַרָאפּ מִיט זַיינֶע צֵיינֶער אַ גֶעהֶענְגְל טֵייטְלֶען, אָבֶּער דֶער בּוֹים אִיז נִישְׁט זַיין בּוֹים עֶס בַּאלַאנְגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ!! עֶר אִיז גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט גֶעוָוארְן, וַוייל פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים גֶעוָואלְט וַוייזְן אַז עֶר זָאל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּאלְגְן זַיין מַאמֶע אוּן אַלֶעמָאל הָאבְּן אַ קַאפְּל.

יֶעצְט הָאט שׁוֹין נַחְמָן פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס זַיין מַאמֶע הֵייסְט אִים אַלֶעמָאל אָבְּאַכְט גֶעבְּן אוֹיף זַיין קָאפּ צוּדֶעק, וַוייל גְלַייךְ וֶוען זַיין קַאפְּל אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן הָאט עֶר שׁוֹין בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרָע פוּן גַנְבֶ'נֶען.

אָבֶּער רַב נַחְמָן הָאט גֶעווָאוּסְט אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט אַ 'מַזָל' פוּן אַ גַּנָּב, הָאט עֶר מִיטְן כֹּחַ פוּן זַיין תְּפִלָּה אוּן זַיין קַאפְּל, גֶע'פּוֹעֶלְ'ט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל גָאר אוֹיסְוַואקְסְן דֶער גְרוֹיסֶער אֲמוֹרָא רַב נַחְמָן.

(מהרש"א, בן יהוידע)

הָעֲלִיָּה לַתּוֹרָה בס"ד
בשב"ק פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ
בְּבֵית הַמִּדְרָשׁ אַנְשֵׁי הַצַּדִּיק
רְחוֹב אַבָּא שָׁאוּל שְׁכוּנַת קְנֵה בֹּשֶׂם
זְמַן תְּפִלָּה בְּשָׁעָה 7:00
קִידּוּשָׁא רַבָּא לְאַחַר הַתְּפִלָּה

טַייעֶרֶע קִינְדֶער הֱיוֹת מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי טִרְדוֹת הַחֲתֻנָּה, אִיז גֶעוָוארְן אַבִּיסְל פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי בְּחִינוֹת מִיט דִי גוֹרָלוֹת, וְאִתְּכֶם הַסְּלִיחָה

נָא לְהִתְפַּלֵּל לְהַצְלָחַת
הֶחָתָן אַבְרָהָם בֶּן חי' רָחֵל
וְהַכַּלָּה פֵּיגָא לִיבָּא בַּת דְּבוֹרָה
הֶעְנְיָא

עוֹרֵךְ הַגִּלָּיוֹן יִצְחָק בֶּן פֵּיגָא

בסיעתא דשמיא

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

בסימן טוב (בסימן טוב ובמזל טוב) ובמזל טוב

בשבח ובהודאה להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו
שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים להזמין את מע"כ ובו"ב
להשתתף בשמחת כלולות בנינו היקרים

החתן הבחור המופלג הכלה הבתולה המהוללה

**אברהם** נ"י עב"ג **פייגא ליבא** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת בשעה טובה ומוצלחת
ביום רביעי פרשת ויחי י"א טבת תשפ"ב
לסדר "יברך את הנערים"
באולמי "עסטרייכר" רח' רשב"י 1 בית שמש
קבלת פנים בשעה 5:30
והחופה בשעה 6:30

נשמח לראותכם משתתפים בשמחתנו

הורי החתן
**יצחק וועבערמאן**
**וב"ב** (לבית קויפמאן)
בית שמש

הורי הכלה
**יוסף קדיש קרישבסקי**
**וב"ב** (לבית איינהורן)
בית שמש

# ~ די עֶלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ

~5~




**אוּן דֶער אֶמֶת'ר בֶּן מֶלֶךְ.** מַחְמַת עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארְן אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיז עֶר דָארְט אוּם גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז יָא גִימָאלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען.

**אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערְן** צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוָוארְן אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז גִימָאלְט חָאטְשֶׁע עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גְוואוּסְט ווִי אַזוֹי. ווִירְמִיר וֶועט עֶר דָאס קָאנֶען אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערְן דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען צוּ דֶער מְדִינָה.

**נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פָּארְט** ווַייל עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז גִימָאלְט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ הֵייסִין אַרַיין לָאזִין.

**אוּן עֶר וֶועט זִיךְ** דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערְן צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. וָואס וֶועט עֶר דָא צוּ לֵייגִין.

**הָאט עֶר גִיזָאגְט** (צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבִּין אִים נִישְׁט גִיוָואלְט אַרַיין לָאזִין) **אַז** זֵיי זָאלִין אִים אַרַיין לָאזִין אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע אַז עֶר זָאל אוּם קֶערִין דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. הָאט מֶען אִים אַרַיין גִילָאזְט.

**אוּן מֶען הָאט מוֹדִיעַ** גִיוֶוען דִי שָׂרִים אַז עֶס גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹ אֵיין מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר ווִיל זִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען עֶר זָאל אוּמְקֶערְן דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען.

**הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט** צוּ דִי שָׂרִים פוּן דֶער מְדִינָה. הָאבִּין אִים דִי שָׂרִים גִיזָאגְט. דוּ זָאלְסְט ווִיסִין. אַז מִיר זֶענֶען אוֹיךְ קֵיין נַעֲרָנִים נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם. נָאר דֶער מֶלֶךְ וָואס עֶס גִיוֶוען.

עֶר אִיז גִיוֶוען אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם זֵייעֶר. וָואס אַקֶעגִין אִים. זֶענֶען מִיר אַלֶע גִיוֶוען נַעֲרָנִים.

**אִיבֶּער דֶעם פְלֶעגְט מֶען דִי מְדִינָה** צוּ רוּפִין דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבִּין. אִיז גִיבְּלִיבְּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַ חָכָם. נָאר אַקֶעגִין אוּנְז אִיז עֶר גָאר קֵיין חָכָם נִישְׁט.

**אִיבֶּער דֶעם רוּפְט מֶען הַיינְט דִי מְדִינָה פַּארְקֶערְט.** דָאס קְלוּגֶע לַאנְד אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת. הָאט דֶער מֶלֶךְ צַוָואָה גֶעלָאזְט אַז עֶס וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ חָכָם וָואס עֶר זָאל קֶענֶען אוּמְקֶערְן צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. זָאל עֶר זַיין מֶלֶךְ.

**אוּן הָאט אָנְגִיזָאגְט** דֶעם זוּן אַז עֶס וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ. זָאל עֶר אִים אָפְּטְרֶעטִין דִי מְלוּכָה. דְהַיינוּ אַז עֶס וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ חָכָם. וָואס עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם. וָואס אַקֶעגִין אִים וֶועלִין זֵיי אַלֶע זַיין נַעֲרָנִים. זָאל עֶר וֶוערִין מֶלֶךְ.

**וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ ווִידֶער אוּמְקֶערְן** צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע נַעֲרָנִים אַקֶעגִין אִים. בְּכֵן זָאלְסְטוּ ווִיסְן וָואס דוּ נֶעמְסְט דִיךְ דָא אוּנְטֶער (אַזוֹי הָאבִּין אַלְץ דִי שָׂרִים צוּ אִים גִיזָאגְט).

**נָאךְ הָאבִּין זֵיי אִים גִיזָאגְט** דִי פְּרוּב וֶועט זַיין אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַ חָכָם. בַּאֲשֶׁר עֶס אִיז דָא פַארְהַאנְדִין אַ גָארְטִין וָואס עֶס אִיז אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶס גִיוֶוען. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

**אוּן דֶער גָארְטִין אִיז זֵייעֶר אַ ווִילְד חִידוּשׁ.** עֶס וַואקְסִין אִין אִים כְּלֵי מַתְּכוֹת (דְהַיינוּ כֵּלִים פוּן אַייזִין וַוארְג) זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים אוּן גִילְדֶענֶע כֵּלִים. אוּן עֶר אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר. נָאר מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם גָארְטִין. וָוארִין אַז אֵיין מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אִים אַרַיין.

**אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אִים אָן תֵּיכֶף צוּ יָאגִין.** אוּן מֶע יָאגְט. אוּן עֶר שְׁרַייט אוּן עֶר וֵוייסְט גָאר נִישְׁט אוּן זֶעהְט גָאר נִישְׁט וֶוער עֶס יָאגְט אִים אוּן

אַזוֹי יָאגְט מֶען אִים אַלְץ בִּיז מֶען מַאכְט אִים אַנְטְלוֹיפִין פוּן דֶעם גָארְטִין. בְּכֵן וֶועלִין מִיר זֶעהְן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אֵיין חָכָם. אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרַיין גֵיין אִים דֶעם גָארְטִין.

**הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט** צוּ מֶען שְׁלָאגְט דֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר גֵייט אַרַיין. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט. דֶער עִיקָר אִיז מֶען יָאגְט אִים. אוּן עֶר וֵוייסְט גָאר נִישְׁט וֶוער עֶס יָאגְט אִים. אוּן עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפִין מִיט גְרוֹיס בְּהָלָה זֵייעֶר.

**וָוארִין אַזוֹי הָאבִּין זֵיי דֶערְצֵיילְט** מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַהִין אַרַיין גִיגַאנְגֶען. (אַזוֹי הָאבִּין אַלְץ גִיזָאגְט דִי שָׂרִים צוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ).

**הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין** אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם גָארְטִין. הָאט עֶר גִיזֶעהְן עֶס אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִים. אוּן דֶער טוֹיעֶר אִיז אָפֶען. אוּן עֶס קֵיין שׁוֹמְרִים דָארְט נִישְׁט פַארְהַאנְדִין.

**וָוארִין מֶען בַּאדַארְף בְּוַודַאי נִישְׁט קֵיין שׁוֹמְרִים** צוּ דֶעם גָארְטִין (וָוארִין עֶס קָאן זִיךְ קֵיינֶער אִין אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין כַּנַ"ל) אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם גָארְטִין (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתֶ'ר בֶּן מֶלֶךְ)

**הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן.** הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַז עֶס שְׁטֵייט דָארְט לֶעבִּין דֶעם גָארְטִין אַ מֶענְטְשׁ. דְהַיינוּ עֶס אִיז דָארְט גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אַ מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר וַוייטֶער אַ קוּק גִיטָאן

**הָאט עֶר גִיזֶעהְן** אַז אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשְׁן אִיז פַארְהַאנְדִין אֵיין טַאבְּלִיצֶע. אוּן דָארְט שְׁטֵייט אָנְגִישְׁרִיבְּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ פַאר כַּמָה מֵאוֹת שָׁנִים. (פַאר וִויפִיל הוּנְדֶערְט יָאר) אוּן אִין דִי צַייטִין פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם. וָוארִין בִּיז דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת. אוּן אַזוֹי נָאךְ אִים אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת אוּן אִין דִי טֶעג פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם.

**הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען.** וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוֶוען אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אַז עֶס אִיז גָאר גִיוֶוענְט אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן. אַז מֶע גֵייט אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין אוּן מֶע הֵייבְּט אָן צוּ יָאגִין. בַּאדַארְף מֶען גָאר נִישְׁט צוּ אַנְטְלוֹיפִין נָאר מֶע זָאל זִיךְ שְׁטֶעלִין לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערִין.

**נָאךְ מֶער אֲפִילוּ** אַז מֶען זָאל נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען זָאל אִים אַרַיין שְׁטֶעלִין אִינֶעוֵוייניג אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. אַזוֹי וֶועט קֶענֶען אִיטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אַרַיין גֵיין בְּשָׁלוֹם אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין.

(אַזוֹי הָאט אַלְץ פַארְשְׁטַאנֶען דֶער אֶמֶתֶ'ר בֶּן מֶלֶךְ וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר) הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגִיהוֹיבִּין אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. אוּן תֵּיכֶּף וִוי מֶען הָאט אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ יָאגְן.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס עֶס גִישְׁטַאנֶען לֶעבִּין דֶעם גָארְטְן פוּנְדְרוֹיסְן אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם אוּן עֶס הָאט אִים גָאר נִישְׁט גִישַׁאט וָוארִין אַנְדֶערֶע אַז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אוּן מֶען הָאט זֵיי אָנְגִיהוֹבִּין צוּ יָאגִין.

**זֶענֶען זֵיי אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין** מִיט גְרוֹס בְּהָלָה זֵייעֶר. אוּן זֵיי זֶענֶען גִישְׁלָאגִין גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם. אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן.

**אוּן דִי שָׂרִים** הָאבִּין דָאס גִיזֶעהְן אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר פַארְוִוינְדֶערְט. וָואס עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיהֵייסִין (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתֶ'ר בֶּן מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסִין) אַז מֶע זָאל נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן. אוּן מֶע זָאל אִים אַרַיין שְׁטֶעלִין אִינֶעוֵוייניג אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין הָאט מֶען אַזוֹי גִיטָאן.

**אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע שָׂרִים** אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם.

**הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרִים** צוּ אִים אָנְגִירוּפִין. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט חָאטְשֶׁע מִיר הָאבִּין פוּן דִיר גִיזֶעהְן אַזוֹי אַ זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט. פוּן אֵיין זַאךְ וֶועגִין. קוּמְט דִיר נָאךְ נִישְׁט אָפְּצוּגִיבִּין דִי מְלוּכָה. מִיר וֶועלִין דִיךְ פְּרוּבְן נָאךְ מִיט אֵיין זַאךְ.

**בַּאֲשֶׁר דָא אִיז פַארְהַאנְדִין** אַ שְׁטוּל פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶס גִיוֶוען. אוּן דִי שְׁטוּל אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ. אוּן בַּיי דֶער שְׁטוּל שְׁטֵייעֶן אַלִירְלֵיי חַיוֹת אוּן עוֹפוֹת פוּן הָאלְץ אוֹיס גִישְׁנִיצְט.

**אוּן פַאר דֶער שְׁטוּל** שְׁטֵייט אַ בֶּעטִיל אוּן בַּיי דֶעם בֶּעט שְׁטֵייט אַ טִישׁ אוּן אוֹיף דֶעם טִישׁ שְׁטֵייט אַ לַייכְטֶער. אוּן פוּן דֶער שְׁטוּל גֵייעֶן אַרוֹיס גִישְׁלָאגִינֶע וֶועגִין.

**אוּן דִי וֶועגִין זֶענֶען גִימוֹיעֶרְט.** אוּן דִי וֶועגִין גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל אִין אַלֶע זַייטִין. אוּן קֵיין שוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט גָאר נִישְׁט וָואס עֶס אִיז דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי וֶועגִין אוּן דִי וֶועגִין אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אוּן צִיהֶען זִיךְ אַוֶועק אַ שְׁטִיק. שְׁטֵייט דָארְט אַ גִילְדִינֶער לֵייבּ.

**אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל צוּ אִים צוּ גֵיין.** וֶועט עֶר עֶפִּינֶען דָאס מוֹיל אוּן וֶועט אִים אַייְנְשְׁלִינְגֶען. אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֵייבּ צִיט זִיךְ דֶער וֶועג נָאךְ וַוייטֶער.

**אוּן אַזוֹי בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין** וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל. דְהַיינוּ בַּיי דֶעם אַנְדֶערִין וֶועג וָואס עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע זַייט. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי.

**אַז דֶער וֶועג צִיהְט** זִיךְ אַ שְׁטִיק אַוֶועק. שְׁטֵייט דָארְט אֵיין אַנְדֶערֶע חַיָה. דְהַיינוּ אַ לֶעמְפֶּערְט פוּן אַייזְן וַוארְק. אוּן דָארְט קָאן מֶען אוֹיךְ צוּ אִים נִישְׁט צוּ גֵיין (כַּנַ"ל וָוארִין עֶר וֶועט אַייִן שְׁלִינְגֶען) אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֶעמְפֶּערְט צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג וַוייטֶער.

**אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין.** אוּן דִי דָאזִיגֶע וֶועגִין. צִיהֶען זִיךְ אוּן גֵייעֶן אִין דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה. אוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי זַאךְ אִיז פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי אַלֶע זַאכִין מִיט דִי וֶועגִין. **בְּכֵן** וֶועסְטוּ דֶערְמִיט גִיפְּרוּבְט וֶוערִין. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קָאנֶען וִויסִין דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דֶעם אַלֶעמֶען.

**הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן דִי שְׁטוּל.** הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ וְכוּ'. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער שְׁטוּל. הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן.

**הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען** אַז דִי שְׁטוּל אִיז גִימַאכְט גִיוָוארִין פוּן דֶעם הָאלְץ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל (דְהַיינוּ דִי כְּלִי וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גִישֶׁענְקְט כַּנַּ"ל)

**הָאט עֶר וַוייטֶער גִיקוּקְט.** הָאט עֶר גִיזֶעהְן. אַז עֶס גֵייט אָפּ פוּן דֶער שְׁטוּל פוּן אוֹיבִּין עֶפֶּעס אַ רֵייזִילֶע. אוּן אַז דִי שְׁטוּל זָאל הָאבִּין דָאס רֵייזִילֶע. וָואלְט דִי שְׁטוּל גִיהַאט דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל. (דְהַיינוּ דִי כְּלִי הַנַּ"ל וָואס זִי הָאט גִיהַאט דֶעם כֹּחַ. אַז מֶען פְלֶעגְט דִי כְּלִי צוּ לֵייגִין אוֹיף עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה אָדֶער אַ חַיָה וְכוּ' הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילִין כַּנַּ"ל)

**הָאט עֶר וַוייטֶער גִיקוּקְט.** הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז דָאס רֵייזִילֶע וָואס עֶס גֵייט אָפּ אוֹיבִּין פוּן דֶער שְׁטוּל. דָאס רֵייזִילֶע לִיגְט אוּנְטִין אִין דֶער שְׁטוּל. בַּאדַארְף מֶען דָאס רֵייזִילֶע אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אוּנְטְן אוּן אַרַיין זֶעצִין עֶס אוֹיבִּין אַזוֹי וֶועט דִי שְׁטוּל הָאבִּין דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל (הַנַּ"ל) וָוארִין דֶער מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען הָאט אִיטְלִיכֶע זַאךְ גִיטָאן מִיט חָכְמָה אוּן הָאט אַלְץ פַארְשְׁטֶעלְט.

**כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין** דִי זַאךְ וָואס עֶר מֵיינְט בִּיז עֶס וֶועט קוּמֶען אַזוֹי אַ וִוילְד גְרוֹיסֶער חָכָם וָואס עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטוֹיסִין אוּן וֶועט קֶענֶען צוּטְרֶעפִין אַלְץ אִיבֶּער צוּ בַּייטִין. אוּן מְסַדֵר צוּ זַיין אַלֶע זַאכִין אַזוֹי וִוי מֶע דַארְף. **אוּן אַזוֹי דָאס בֶּעטִיל.** הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען בַּאדַארְף עֶס אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן דֶעם אָרְט וִוי עֶס שְׁטֵייט.

**אוּן אַזוֹי דֶעם טִישׁ** בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן דֶעם אָרְט אוּן אַזוֹי דֶעם לַייכְטֶער בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן אִים אָרְט.

**אוּן אַזוֹי דִי עוֹפוֹת** אוּן דִי חַיוֹת מוּז מֶען זֵיי אוֹיךְ אַלֶע אִיבֶּער שְׁטֶעלִין. מֶען זָאל נֶעמֶען דָאס עוֹף פוּן דֶעם אָרְט אוּן מֶע זָאל עֶס שְׁטֶעלִין אוֹיף דֶעם אָרְט.

**אוּן אַזוֹי אַלֶע** מוּז מֶען אַלְץ אִיבֶּער שְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט אַלְץ אִין מִיסְטְנֶע פַארְשְׁטֶעלְט מִיט חָכְמָה כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסִין וָואס מֶען מֵיינְט.

**בִּיז עֶס וֶועט קוּמֶען** דֶער חָכָם וָואס עֶר וֶועט קָאנֶען פַארְשְׁטֵיין עֶר זָאל אַלְץ מְסַדֵר זַיין אַזוֹי וִוי מֶען בַּאדַארְף. אוּן אַזוֹי דֶער לֵייבּ וָואס עֶר שְׁטֵייט דָארְט וואוּ דֶער וֶועג גֵייט אַרוֹיס בַּאדַארְף מֶען אִים אַהִין שְׁטֶעלִין.

**אוּן אַזוֹי אַלֶע בַּאדַארְף** מֶען אַלְץ אִיבֶּער שְׁטֶעלִין הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶען זָאל אַלְץ מְסַדֵר זַיין וִוי מֶען בַּאדַארְף. מֶע זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען דָאס רֵייזִילֶע פוּן אוּנְטִין אוּן מֶע זָאל עֶס אַרַיין זֶעצִין אוֹיבִּין.

**אוּן אַזוֹי דִי אַלֶע זַאכִין** זָאל מֶען אַלְץ אִיבֶּער שְׁטֶעלִין אוּן מֶען זָאל זֵיי מְסַדֵר זַיין אַנְדֶערְשׁ (אַזוֹי וִוי מֶע בַּאדַארְף אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גִיהֵייסִין) וִוי מֶע הָאט אַזוֹי גִיטָאן. הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין אַלֶע צוּ שְׁפִּילִין דֶעם וואוּילִין נִיגוּן וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר אַ וִוילְד חִידוּשׁ.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִיטָאן** דָאס וָואס זֵיי בַּאדַארְפִין צוּ טוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים אָפְּגִיגֶעבְּן דִי מְלוּכָה. (דְהַיינוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי אַלֶע חָכְמוֹת בַּאוִויזִין כַּנַּ"ל).

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם בֶּן הַשִּׁפְחָה. **הַיינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע דֶער אֶמֶת'ר בֶּן מֶלֶךְ אוּן דוּ בִּיסְט דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה בֶּאֱמֶת.**

פַארְצַייטִין אַז מֶע פְלֶעגְט שְׁמוּסִין קַבָּלָה פְלֶעגְט מֶען שְׁמוּסִין מִיט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן (וִוי דִי מַעֲשֶׂה אִיז) וְכוּ'. דִי מַעֲשֶׂה אִיז. אַ וִוילְד חִידוּשׁ. אוּן עֶס גָאר אֵיינְס. דִי בְּהֵמוֹת וְכוּ'. אוּן דִי שְׁטוּל אוּן דֶער גָארְטְן וְכוּ'. עֶס גָאר אֵיינְס. אַמָאל הֵייסְט עֶס אַזוֹי אַמָאל אַזוֹי.

דֶער פֵּירוּשׁ פוּן דֶער מַעֲשֶׂה. אִיז אַזוֹי וִוי דִי שְׁטוּל וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גִימַאכְט וָואס דֶער עִיקָר חָכְמָה אִיז אַז מֶע זָאל וִויסִין וִוי אַזוֹי מְסַדֵר צוּ זַיין אִיטְלִיכֶע זַאךְ אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער בָּקִי אִין סְפָרִים.

אוּן אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם בֶּאֱמֶת. קָאן עֶר פַארְשְׁטֵיין דָאס פֵּירוּשׁ. נָאר מֶען מוּז וִויסִין מֶע זָאל גוּט מְסַדֵר זַיין. וָוארִין אַמָאל הֵייסְט דִי זַאךְ אַזוֹי אַמָאל אַזוֹי, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין. דָאס הָאט אַלְץ עֶר אַלֵיין ע"ה גִישְׁמוּסְט נָאךְ דֶער מַעֲשֶׂה.

**צו אלע חשוב'ע קינדער וואס וואוינען אין ארץ ישראל און האבן נאכנישט באקומען קיין מתנה פאר די נקודות פון די בחינות אויף סיפורי מעשיות, קענען זיך ווענדן צום מלמד ר' יואל יאראוויטש אין חדר ברסלב, בית שמש, אדער אויפן טעלעפאן 052-7166953**

**די קינדער פון חוץ לארץ וואס האבן שוין העכער 80 נקודות זאלן לאזן א קלארן מעסעדש מיט א סעלפאן נומער פון זייערע עלטערן ווי מען וועט זיך בעז"ה פארבינדן אין די קומענדיג טעג.**

**נאך חנוכה וועלן מיר בעז"ה אויסמעקן אלע נקודות.**

# לְכָבוֹד דִּי יָארְצַייט פוּן ר' נָתָן וָואס פַּאלְט אוֹיס קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, לֵייגְן מִיר אַרַיין אַ בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק

## אַ

## בְּרִיוועֶלֶע

בָּרוּךְ הַשֵּׁם יוֹם ו' תִּשְׁרֵי תקפ"ד מִבְּרֶסְלֶב לְטֶשֶׁערְקַאס

רַב שָׁלוֹם לְכָבוֹד מַיין בַּאלִיבְּטֶער זוּן, מַיין זֶעל-פְרַיינְד, וָואס אִיז בָּאנְד צוּ מַיין הַארְץ, ה"ה הַוָּתִיק הַמֻּפְלָג הַנֶּחְמָד מו"ה יִצְחָק שִׁיחִ',

גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם דִינְסְטָאג פַּארְנַאכְט'ס, אוּן ב"ה אַלֶעס אִיז מְסֻדָּר מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף,

מַיין זוּן, אִיךְ בֶּעט דִיר, קוּק זִיךְ גוּט אַיין אוֹיף דַיין תַּכְלִית, אוּן שְׁטַארְק דִיךְ אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה, דוּ זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר אִין "הִתְבּוֹדְדוּת" יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן מִיט אַ שְׁמוּעֶס צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיי אִים מִיט אַסַאךְ רַחֲמִים אוּן תַּחֲנוּנִים, עֶר זָאל דִיר דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זַיין דִינְסְט מִיט אַן אֱמֶת. דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אוּן גוּט מְעַיֵּן זַיין אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּיז דוּ וֶועסְט זַיין בָּקִי אִין זֵיי אוֹיף אוֹיסֶעווֵייניג. דִי זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען אַלֶע רֵייד וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט פוּן מִיר אִינְדֶערְהֵיים, אוֹיבּ וֶועסְטוּ דֶערְהֶערְן דִי אַלְטֶע רֵייד וֶועסְטוּ אוֹיךְ הֶערְן נַייעֶ, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן פוּן מִיר נָאךְ אַסַאךְ אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים וֶועלְכֶע לֶעבְּן אוֹיף אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וֶועט דִיר זַיין גוּט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

דוּ הָאסְט נִישְׁט נָאךְ אַזַא אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אַזוֹי וִוי יֶעצְט, ווַייל יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָּא (שבת קנב) [דִי יוּגְנְט אִיז דִי קְרוֹין פוּנֶעם רוֹיז], וְאִם לֹא עַכְשָׁו אֵימָתַי, ווַייל דִי טֶעג גֵייעֶן אַדוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַן אַדוּרְכְלוֹיפְנְדֶע שָׁאטְן אוּן דִי צַייט גֵייט אוּן בְּרוּמְט, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט אִיבֶּער בְּלַייבְּן נָאר דָאס וָואס דוּ וֶועסְט יֶעצְט אַרַיינְכַאפְּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקַייטְן.

מֶער פוּן דֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין, אָבֶּער מֶער פוּן וָואס עֶס שְׁטֵייט דָא הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן מִיר אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט שׁוֹין אַלֶעס אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הֲפָךְ בָּהֶם וַהֲפָךְ בָּהֶם [ד"מ לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין דִי סְפָרִים], אוּן פוּן זֵיי זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן. דֶער עִיקָר אִיז אַז דִי רֵייד זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי וִוי נֵיי. דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן יֶעדֶעס מָאל פוּנְדָאסְנַיי, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט אַרָאפּ פַּאלְן ח"ו פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט, יֶעדְן אֵיינְצִיגְן שָׁעָה זָאלְסְטוּ זַיין בַּיי דִיר מַמָּשׁ וִוי אַ נַייעֶר בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין דַיין וֶועג אוּן דוּ וֶועסְט קְלוּג וֶוערְן.

דִי רֵייד פוּן דַיין טַאטְן וָואס אִיז דִיר מַזְהִיר פַאר דַיין אֵייבִּיגֶע טוֹבָה אוּן וַוארְט אוֹיף דַיין עֶנְטְפֶער. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל גוֹמֵר זַיין דִי חֲתִימָה לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים לְשָׁלוֹם.

הַקָּטָן נָתָן במוהר"ר נַפְתָּלִי הִירְץ נ"י מִבְּרֶסְלֶב

לאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די עלעפטע מעשה (5)
## דער בן המלך און בן השפחה



צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095
1-518-329-9149

**א. וואס האט דער אמת'ער בן המלך פארשטאנען נאכדעם וואס ער איז געווארן א מבין דבר מתוך דבר?**
- ❑ ער האט פארשטאנען אז ער וועט נישט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די ערשטע נאמען "די נארישע לאנד און קלוגער מלכות"
- ❑ ער האט פארשטאנען ווי אזוי ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען
- ❑ ער האט פארשטאנען אז ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען –כאטש ער ווייסט נישט וויאזוי

**ב. האט מען אים אריינגעלאזט אין די מדינה?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ נאר נאכ'ן אויפוויזן אז ער וועט קענען טוישן די נאמען פון די מדינה

**ג. וואס האבן די שרים געזאגט פאר'ן בן המלך?**
- ❑ אז עס איז נישט שווער צו צוריק קערן דעם נאמען ווייל די מדינה זענען נערנים
- ❑ אז די מדינה זענען נישט קיין נערנים נאר אנטקעגן דער קלוגער קעניג וואס איז געשטארבן זענען מיר אלע געווען נערנים
- ❑ אז דער קעניג איז נישט געווען אזוי קלוג נאר ער האט געהאט א עצה געבער

**ד. פארוואס האבן זיי נישט אריינגעלאזט נאר ווער ס'וועט צוריק קערן די נאמען פון די מדינה?**
- ❑ ווייל די שרים האבן געוואלט אז ס'זאל זיין א קלוגער קעניג פאר די מדינה
- ❑ ווייל דער קעניג האט געלאזט צוואה אז ווער ס'וועט צוריק קערן די נאמען ער זאל ווערן קעניג
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט געוואקסן אין די גארטן פון דער פריערדיגע קעניג?**
- ❑ פרוכט און גרינצייג
- ❑ שיינע בלומען
- ❑ אייזערנע כלים זילבערנע כלים און גאלדענע כלים

**ו. וואס האט פאסירט צו ווער ס'האט געוואלט אריין אין גארטן**
- ❑ מ'הייבט אים אהן זייער צו יאגן
- ❑ מ'שלאגט אים
- ❑ מ'לאזט אים אריין גיין רוהיג

**ז. האט די גארטן געהאט שומרים?**
- ❑ ניין
- ❑ יא
- ❑ ס'האט געהאט א שלאס

**ח. וואס איז געשטאנען אויף די טאבליצע וואס איז געווען העכער דעם אויסגעמאלענע מענטש?**
- ❑ אז ער איז געווען קעניג פאר אפאר יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען שלום
- ❑ אז ער איז געווען קעניג פאר א פאר הונדערט יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען מלחמות
- ❑ אז ער איז געווען קעניג פאר אפאר הונדערט יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען שלום

**ט. וואס האט דער בן המלך פארשטאנען ווען ער האט דאס געזעהן?**
- ❑ אז ווער עס גייט אריין אין גארטן און מ'יאגט אים דארף ער זיך שטעלן נעבן דעם מענטש
- ❑ אז אויב מ'וועט נעמען דעם מענטש און מ'וועט עס אריין לייגן אין דעם גארטן וועט יעדער קענען אריין גיין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. דער שטול פונעם קעניג איז געווען הויך אדער נידריג?**
- ❑ הויך
- ❑ זייער הויך
- ❑ נידריג

**יא. פארוואס קען מען נישט גיין נאנט צום שטול?**
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט הייבט מען אהן אים צו נאכלויפן
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט שלאגן אים די שרים
- ❑ ווייל אויפ'ן וועג שטייט א לייב פון גאלד און אז א מענטש זאל צו אים צוגיין וועט ער עפענען די מויל און אים איינשלינגען

**יב. פארוואס קען מען נישט גיין נאנט צום שטול דורך דעם אנדערן וועג וואס גייט ארויס פון שטול?**
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט הייבט מען אהן אים צו נאכלויפן
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט שלאגן אים די שרים
- ❑ ווייל דארטן שטייט א לעמפערט פון אייזן און אז א מענטש זאל צו אים צוגיין וועט ער אים איינשלינגען

**יג. וואס האט דער בן המלך געזעהן אז עס פעלט (גייט אפ) פון אויבן פון דער שטול?**
- ❑ א רייזעלע
- ❑ א קרוין
- ❑ א נאגל

**יד. וואס איז געווארן מיט די שטול ווען מ'האט אלעס מסדר געווען אויפ'ן ריכטיגן סדר,און וואס האט מען אים געגעבן פאר דעם?**
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן זינגען דעם וואונדערליכ'ן ניגון,און מ'האט אים אפגעגיבן די מלוכה
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן זינגען דעם וואונדערליכ'ן ניגון,און מ'האט געגיבן די מלוכה פאר די בן השפחה
- ❑ זיי האבן אלע אנגעהויבן טאנצן, און מ'האט אים אפגעגיבן די מלוכה

**טו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געזאגט פאר'ן אמת'ער בן השפחה?**
- ❑ יעצט פארשטיי איך אז איך בין דער אמת'ער בן המלך
- ❑ יעצט פארשטיי איך אז דו ביזט דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס לערנסטו זיך ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז ביים סוף וועט מען זעהן אז יעדער איד איז דער אמת'ער בן המלך
- ❑ אז ווען מ'האט די ריכטיגע סדר ווערט אלעס פאררכטן
- ❑ ________________________________.

**מיט אסאך הצלחה!!!**

## ריינער קוואל המשך

דַארְפְט זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט". פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעפְרֶעגְט: "חֲזַ"ל זָאגְן אַז חֹדֶשׁ טֵבֵת אִיז גֶעשֶׁען דְרַיי צָרוֹת, וָואס זֶענֶען דִי דְרַיי צָרוֹת? וֶוער וַוייסְט?" דִי תַּלְמִידִים הָאבְן נִישְׁט גֶעדֶענְקְט וָואס דִי צָרוֹת זֶענֶען.

הָאט ר' נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן: "א) עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן ב) דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף גְרִיכִישׁ. ג) דִי מוֹיעֶרְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן".

רוּפְט זִיךְ אָן ר' נָתָן מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "נוּ אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק אוּן טְרֵייף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אַזוֹי פִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא טוֹיזְנְטֶער טְרֵייף פָּסוּל, נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן סִפְרֵי רַבֵּנוּ וֶועט זַיין אַ תִּקּוּן אוֹיף אַלְדִינְג, נוּ, זָאג אִיךְ אַייךְ אָן אַז אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט מִיט רָצוֹן אוּן מִיט טִרְחָא". יֶעדֶעס קִינְד קֶען מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶס זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיָנוֹתֶיךָ חוּצָה, אַז דֶער לִיכְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד וְתַלְמִידֵי תַּלְמִידָיו זָאל שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אלע צָרוֹת זָאלְן שׁוֹין וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶער צוּזָאג פוּן וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַּם עָלֹה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.